בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

וישלח
י"ט כסלו תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:14 |
| ר"ת | 5:52 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:08 | סוז"ת א' | 9:14 |
| סוזק"ש ב' | 8:55 | סוז"ת ב' | 9:46 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': נ"ח
שנה ב'

## טיב המערכת

### – ♦ עִם לָבָן גַּרְתִּי ♦ –

אין די יארן פאר די צווייטע וועלט-מלחמה אין אייראפע, זענען געווען אסאך אידן וועלכע האבן זיך ליידער אויסגעמישט צווישן די גוים. א טייל פון זיי האבן ליידער אינגאנצן פארלאזט זייער אידישקייט, עס זענען אבער אויך געווען אידן וועלכע זענען געבליבן "חרדי'שע", אבער זיי האבן זיך אנגעטון אזוי ווי די גוים און האבן אויסערליך אויסגעזען אזוי ווי גוים, און דאס האבן זיי געטון כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון זייערע גוי'אישע פריינד. ווי באקאנט, האט זיי דאס אבער נישט געהאלפן, און ווען די שונאי ישראל האבן אויסגעגאסן זייער צארן אויף די אידן, האבן זיי געפינען און גע'הרג'עט אויך אזעלכע וואס זייער זיידע'ס זיידע איז געווען א איד.

אין אונזער פרשה לערנען מיר, ווי יעקב אבינו שיקט מלאכים צו זיין ברודער עשיו און ער לאזט אים וויסן אז "עִם לָבָן גַּרְתִּי – וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי". לכאורה פארשטייט מען נישט, וואספארא חילוק איז עס פאר עשיו, וואס יעקב האט געטון זייענדיג אינעם הויז פון לבן? וועט ער אים דען ווייניגער פיינט האבן אויב ער וועט וויסן אז ער האט מקיים געווען מער מצוות אדער ווייניגער מצוות?

נאר, יעקב אבינו האט מודיע געווען פאר עשיו, אז ער וויל שלום מאכן מיט אים, און ער איז גרייט אים איבערצובעטן מיט טייערע מתנות, ער זאל זיך אבער נישט איינרעדן אז ער איז גרייט נאכצוגעבן אפילו אויף די לייכסטע מצוה פון די תורה, ווייל אפילו ווען ער איז געווען אינעם הויז פונעם פעטער לָבָן הָאֲרַמִּי, האט ער געהיטן אויף אלע תרי"ג מצוות, און ער האט אוודאי זייער שטארק מהדר געווען אין אלע מצוות.

און אין אמת'ן דארפן מיר וויסן, אז אויך אין די אויגן פון די גוים, זענען די אידן וועלכע פראבירן זיך חנפ'ענען צו די גוים דורכן זיך פירן אזוי ווי זיי און נאכגעבן אויף זייערע ווערד, פארשעמט אין זייערע אויגן, און אפילו אויב די גוים ווייזן דאס נישט ארויס, אבער ווען עס קומט דער צייט פון א פראבע, וועלן זיי אלעמאל מער מכבד זיין די אידן וועלכע היטן די מצוות פון די תורה אויך ווען זיי געפינען זיך צווישן די פעלקער.

פון דא וועלן מיר זיך אויך אפעלרנען, אז מיר זאלן היטן אויף אונזער אמת'ע ווערד, עפנטליך, און אן קיין פחד און בושה פון "וואס וועלן מענטשן זאגן".

## טיב הפרשה

# די רואיגקייט נאכ'ן טון השתדלות

## וילן שם בלילה ההוא

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די מלחמה וואס יעקב אבינו האט געפירט מיט עשו הרשע. די תוה"ק דערציילט אונז וויאזוי די קריג איז צוגעגאנגען און וויאזוי יעקב אבינו האט זיך געגרייט דערצו.

אין די פרשה דערציילט אונז אויך דער פסוק אז יעקב אבינו האט מורא געהאט פון די מלחמה און ווי דער פסוק זאגט עדות 'ויירא יעקב מאוד'.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין וואס עס איז געווען דער פחד פון יעקב אבינו. אין פרשת ויצא לערנען מיר וויאזוי דער באשעפער האט זיך באוויזן צו יעקב אבינו אין זיין חלום און אים צוגעזאגט אז ער וועט אים אפהיטן פון אלע שלעכטע זאכן און ווי דער לשון הפסוק איז דארט והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך.

נאכ'ן באקומען אזא קלארע הבטחה אז ער איז אפגעהיטן פון אלע שלעכטע זאכן, איז שווער צו פארשטיין וואס איז געווען דער פחד פון יעקב אבינו?

די קשיא פרעגט שוין די גמרא און רש"י ברענגט עס אראפ דא אויפ'ן ארט און געבט צו פארשטיין אז דער פחד וואס יעקב אבינו האט געהאט איז געווען אז ער האט חלילה חוטא געווען און אז די חטאים האבן גורם געווען, אז די הבטחה וואס ער האט געהאט פון הקב"ה זאל זיך אפשטעלן, און ווי רש"י זאגט אויפ'ן פסוק 'קטונתי מכל החסדים' אז דער פחד פון יעקב אבינו איז געווען אז ער איז נתלכלך געווארן בחטא און צוליב די פחד האט ער האט געמאכט אלע זייטיגע השתדלות'ער און זיך געגרייט בדורון, מיט תפילה און מיט מלחמה.

פון דעם געדאנק לערנען מיר זיך ארויס א שטארקע נקודה. מיר באקומען א בליק וויאזוי דער הייליגער צדיק יעקב אבינו האט אנגעקוקט א זאך. דער סדר העולם ביי יעדן איז, אז ווען ער דאווענט אויף א געוויסער זאך און ער זעט נישט גלייך די ישועה, אדער ווען ער מאכט א סגולה און די סגולה העלפט נישט אויפ'ן פלאץ, הייבט ער אן איבערצוטראכטן ביי זיך אז זיין דאווענען איז נישט געווען ווערד, אדער אז די סגולה איז נישט קיין אמת'ע סגולה און עס הייבט זיך אן ביי אים אינעווייניג א שווערע מלחמה, אז ער זאל נישט מהרהר זיין נאך די וועגן פון הקב"ה, אבער

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דא זעען מיר פונקט א פארקערטע זאך, מיר זעען ווי אזוי יעקב אבינו האט אנגעקוקט די זאך.

ביי יעקב אבינו איז געווען זייער קלאר אז וואס דער באשעפער טוט איז גוט און אז דאס איז די ריכטיגע זאך וואס עס דארף זיין, און אויך אז די ישועה פארזוימט זיך איז א סימן אז מיט אים איז נישט ווי עס דארף צו זיין, אז זיינע זינד האבן גורם געווען אז די ישועה זאל נישט קענען קומען און דאס איז אויך נוגע נאך דעם וואס הקב"ה האט אים בפירוש געזאגט אז ער וועט אים אפהיטן פון אלע שלעכטס, האבנדיג ביי זיך די בפירוש'ע הבטחה פון דער 'והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך'.

די זעלבע זאך זעען מיר אויך ביי אברהם אבינו. דער רבוש"ע האט אים צוגעזאגט אז פון יצחק וועט ארויסקומען דורות און ווי דער פסוק זאגט 'כי ביצחק יקרא לך זרע', און מיט דעם אלעם ווען הקב"ה האט אים געהייסן גיין צו די עקידה, האט ער נישט מהרהר געווען אויף די וועגן פון הקב"ה.

דער אמת איז אז דאס איז די עיקר אמונה פון א איד. ווען אלעס גייט ווי ער וויל אדער מען קען פארשטיין פארוואס עס איז געווען אזוי און אזוי איז נישט שייך קיין אמונה, די בחינה פון אמונה איז דא ווען מען פארשטייט נישט וואס דא גייט פאר, ווען די זאך זעט אויס קעגן די שכל, קעגן וויאזוי עס דארף זיין, אויך קעגן די ציווי וואס הקב"ה האט געגעבן, אין אזא פאל איז שייך די אמונה.

נאך א נקודה וואס מיר קענען דא ארויסלערנען פון יעקב אבינו איז אויך איבער די וועג וויאזוי ער האט געמאכט די השתדלות.

ווי מיר האבן אויסגעשמועסט האט יעקב אבינו פארשטאנען אז ער וועט דארפן מאכן השתדלות ווייל ער איז אפשר נכשל געווארן אין א חטא, אבער אויך ווען ער האט שוין יא געמאכט השתדלות איז עס געווען אויף א וועג, אז ער טוט השתדלות, אבער ער טוט נישט מער ווי ער מוז טון און אז איינמאל ער האט שוין געטון די השתדלות איז ער רואיג און דאגה'ט נישט, ווייל ער איז קלאר ביי זיך אז ער האט געטון וואס ער דארף צו טון און מער ווי דעם וועט אים סייווי נישט העלפן און ער האט נישט וואס צו זיין באזארגט.

דער סדר העולם איז אז ווען מען איז אין א מלחמה און מען ציטערט פאר'ן לעבן קען מען נישט שלאפן פון גרויס זארג און דאגה, מען ציטערט וואס עס גייט זיין, אבער ביי יעקב אבינו שטייט קלאר אז נאך דעם וואס ער האט צעטיילט זיינע קינדער אין צווייי מחנה'ס איז ער געווען רואיג און זיך געלייגט שלאפן און ווי דער פסוק זאגט 'והוא לן בלילה ההוא במחנה' ווייל ער איז געווען אזוי רואיג, אז ער האט זיך געקענט לייגן שלאפן יענעם נאכט אין די מחנה, וויסנדיג אז ער האט שוין געטון וואס ער קען טון.

מען דערציילט אז ווען דער בריסקער רב זי"ע איז אנטלאפן ביי די מלחמה מיט זיין משפחה איז ער געווען זייער אומרואיג. פון צופרי ביז ביינאכט איז ער געווען פארנומען צו זוכן א בעסערע פלאץ וואו מען קען זיך באהאלטן זאגנדיג אז אפשר וואלט געווען כדאי צו גיין דא אדער דארט, צו אזא באהאלטעניש, ווייל דארט איז מער פארזיכערט, אבער ווען מען איז אנגעקומען אויף א פלאץ, וואו מען האט שוין נישט געקענט גיין רעכטס אדער לינקס, עס איז שוין נישט געווען וואו צו לויפן איז ער געווען רואיג, במנוחה, ווי מען וואלט ווען נישט אנטלאפן פון די גרעסטע צרה וואס עס לויערט אויף אים און אויף זיין משפחה.

ווען מען האט אים געפרעגט וואס איז דער באדייט אז פון איין זייט האט ער אזוי מורא און דא האט ער בכלל נישט קיין מורא? האט ער געגעבן צו פארשטיין זיין התנהגות מיט א פשוט'ער הסבר.

ער האט געזאגט אז אזוי לאנג ווי עס האט זיך געפאדערט פון אים צו מאכן השתדלות אז ער און די משפחה זאלן איבערלעבן די קריג האט ער גע'דאגה'ט צי די השתדלות וואס ער טוט איז גענוג גוט, אז אפשר דארף ער טון מער, און געזוכט פון אונטער די ערד נאך וועגן וויאזוי ער קען זיך ראטעווען, אבער אין די רגע אז בדרך הטבע איז שוין נישט געווען וואס צו טון, אז עס איז נישט אין מיינע הענט, אז מיר קענען גארנישט טון, זענען מיר אין די הענט פון הקב"ה און מיר דארפן מער נישט זארגן.

די בחינה איז געווען ביי די צדיקים. ביי זיי איז געווען קלאר אז איינמאל דער מענטש האט געטון וואס ער קען טון – האט ער מער נישט וואס צו דאגה'נען.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין אנצוקומען צו די מעלת הצדיקים און זוכה זיין צו די שלימות'דיגע בטחון און אמונה בכל הענינים.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## נחום איש גם זו ביי די טויערן פון מירון

פאר א היבשע שטיק צייט האב איך די זכיה צו זיין דער וואס ארגאנדזשירט די חברת תהלים ביים ציון הק' אין מירון. דער שטייגער איז אז די קינדער זאגן תהלים מיט א גרויסן ברען און נאך תהלים וועט מען אויסטיילן פאר זיי א גוטער זאך.

יעדע וואך איז עפעס אנדערש. אין די זומער וואכן וועל איך אויסטיילן א קאלטע אייז קרעם און אין ווינטער וועט עס זיין א זיסווארג.

אויך יענע וואך בין איך געווען אויפ'ן וועג קיין מירון צו פראווענען דעם שבת קודש און זיך געגרייט ארויפצופארן צום ציון הק'. זייענדיג אונטערוועגנס האב איך גדארפט עפעס איינקויפן און נאכ'ן איינקויפן האב איך זיך געטראפן מיט ליידיגע טאשן נישט האבנדיג די סומע וואס איך דארף האבן איינצוקויפן די גוטע נאשעריי פאר די קינדער.

אזוי ווי איך פיר זיך נישט צו בעטן הלוואות אדער בעטן פון אנדערע געלט פאר די מצוה, האב איך זיך געשטארקט אז הקב"ה וועט מיר זיכער העלפן.

מיט די יארן האב איך זיך געמאכט א סדר אז פארנדיג קיין מירון וועל איך ארייגגיין אויך צו דער קבר פון נחום איש גם זו און דארט מתפלל זיין, און איך האב זיך די וואך אויך אזוי געפירט און איך בין אריין צום ציון מתפלל זיין.

זייענדיג ביים ציון פון נחום איש גם זו און זאגנדיג תהלים קומט א איד צו מיר און פרעגט מיר צי איך בין דער וואס ארגאנאזירט יעדע וואך די חברת תהלים אין מירון.

"יא, איך בין עס". האב איך אים א זאג געגעבן.

דער איד האט ארויסגענומען א לייטישע סומע געלט פון זיין טאש און עס מיר אהין געגעבן.

"איך האב די וואך געהאט א ישועה און איך וויל זיין א חלק פון די מצוה".

דער איד האט מיר געגעבן די סומע און איך בין געבליבן שטיין פארוואונדעט נישט גלייבנדיג וואס איך זעה, וויאזוי אן וואס איך זאל בעטן פון איינעם, האב איך באקומען די ישועה אין מיין הענט אריין, אז איך זאל נישט דארפן מבטל זיין די מצוה, אפילו איין וואך.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נתן שטרענגער]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## נאר א הארציגע תפילה צום אויבערשטן האט אים געראטעוועט!

"וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֱלֹקֵי אָבִי אַבְרָהָם וֵאלֹקֵי אָבִי יִצְחָק, ה' הָאֹמֵר אֵלַי שׁוּב לְאַרְצְךָ וּלְמוֹלַדְתְּךָ וְאֵיטִיבָה עִמָּךְ" (לב, י).

די תפילה פון יעקב אבינו עליו השלום לערנט אונז – אזוי ווי די מפרשים רעדן ארום – אז מיט אלע ברכות און הבטחות וואס יעקב אבינו האט געהאט פונעם אויבערשטן, און פון זיין טאטע און מאמע, און מיט אלע סגולות און עצות וואס ער האט געטון מיטן שיקן די מתנות, און מיט צוטיילן די מַחֲנוֹת – טאר מען אבער נישט פארציכטן אויף א תפילה פארן אויבערשטן!

-> • <-

הרה"ק מקאפיטשניץ זצוק"ל, איז געווען אן אייניקל פונעם הייליגן רוזשינער זי"ע. אין די תקופה פון די ערשטע וועלט-מלחמה, ווען די סכנה האט זיך דערנענטערט צו די שטאט 'קאפיטשניץ', איז ער אנטלאפן, אזוי ווי דאס מערהייט פון די צדיקים פונעם רוזשינער גזע, צום גרויסן שטאט ווין, הויפטשטאט פון עסטרייך, וואו ער האט זיך גאנץ שנעל אנגעשלאסן מיט מסירת נפש צו די געוואלדיגע פעולות פאר די טויזנטער אידישע פליטים וועלכע זענען דארט אנגעקומען בְּעֵרוֹם וּבְחֹסֶר כֹּל, און ער האט זיי באזארגט מיט אלעס וואס זיי האבן געדארפט, און האט זיי אנגעטרינקען מיט רוחניות און גשמיות ווי באוואוסט. דארט אין שטאט האט ער אויפגעשטעלט זיין הייליגן און פראכטפולן הויף, און מיט די צייט האבן זיך פילע חסידים אנגעקניפט אין אים בלב ונפש.

אזוי איז דורכגעגאנגען א יאר נאך א יאר, און עטליכע יאר איידער די צווייטע וועלט-מלחמה האט אויסגעבראכן, האט דער צדיק ווי עס זעט אויס געזען ברוח קדשו די גרויסע סכנה וואס לויערט אויפן אייראפעאישן אידנטום, און אזוי ווי נאך אסאך אידישע קינדער אין יענע צייטן, האט ער באשלאסן זיך אריבערצוציען קיין אמעריקע, און דארט איבערפלאנצן זיין גרויסן הויף. ווען זיינע חסידים און מקורבים זענען געוואויר געווארן דערפון, זענען זיי זייער ענטוישט געווארן און האבן נישט געפינען קיין רו. זענען זיי געקומען צו אים און האבן גע'טענה'ט: רבי! אויף וועמען לאזט איר אייערע שאף, אין אזא שווערע און גורל'דיגע צייט?

האט זיי דער קאפיטשניצער רבי געענטפערט מיט חכמה: הערט זיך איין א טייערע מעשה, וואס האט פאסירט ביי מיין הייליגן רוזשינער זיידן זצוק"ל:

-> • <-

אויף איינער פון די חסידים פון דער סבא קדישא פון רוזשין, איז ארויפגעלייגט געווארן א חשד, דורכן בייזווילליגן רעזשים פון ניקאלאי ימ"ש, אז ער האט גע'הרג'עט א גוי, וועלכער איז געפינען געווארן טויט נעבן זיין הויז. און כאטש עס איז נישט געווען קיין ברעקל אמת אין דעם מעשה, וויבאלד ער האט גארנישט געהאט צו טון מיט דעם געשעעניש, נאר די חברים פונעם גוי האבן אים גע'הרג'עט אין א געפעכט וואס האט אויסגעבראכן צווישן זיי, און כדי זיך צו פטר'ן פונעם שטראף האבן זיי אים אראפגעווארפן נעבן דער הויז פונעם איד. – אבער גאנץ שנעל זענען שוין געפינען געווארן די עדים... עטליכע נידעריגע ערלים, האבן פאר עטליכע רובל צוגעשטימט צו עדות זאגן, אז זיי האבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען ווי דער איד האט גע'הרג'עט דעם גוי...

אין יענע צייטן, איז דער געזעץ און משפט אינעם געריכט הויז, געשטאנען זייער שלעכט בנוגע צו יעדער זאך וואס האט צו טון מיט אידן, און ביים פראצעס האבן זיי גלייך ארויסגעגעבן א טויט-אורטייל אויפן איד, וועלכער איז גלייך געכאפט געווארן און אריינגעווארפן געווארן אונטער ארעסט מיט גרויס שאנד, ביזן אויספירן דעם ביטערן אורטייל.

זייענדיג אין תפיסה, האט ער געפינען גרויס חן אין די אויגן פונעם הויפט אפיציר וועלכער איז געווען געשטעלט אויפן גאנצן ארעסט-הויז, און ווען ער האט געזען די איידעלע פירונגען פונעם איד, און הערנדיג אלע איינצלהייטן פון די מעשה, איז ער קלאר איבערצייגט געווארן אז די גאנצע באשולדיגונג איז נישט מער ווי א פאלשע בלבול, און קיין טראפ אמת געפינט זיך נישט אין דעם. ער האט אבער גארנישט געקענט טון אנטקעגן דעם קלארן אורטייל פונעם געריכט.

אבער איידער מען האט אים געשיקט צו די תליה, אויסצופירן דעם ביטערן אורטייל, האט דער הויפט אפיציר אים געפרעגט, צי ער האט א לעצטע וואונטש, אזוי ווי דער סדר מיט די פאראורטיילטע צום טויט. וויבאלד דער אפיציר האט געשפירט א שטארקער כבוד צו אים דורך זיין איידלקייט און חן, האט ער צוגעגעבן אז ער קען אויך בעטן א גרויסע בקשה לויט זיין ווילן, און אפילו אויב דאס וועט זיין זייער א שווערער פארלאנג וועט ער פראבירן דאס צו ערלעדיגן פאר אים, וויבאלד ער ווייסט דעם אמת אז ער האט גארנישט שלעכטס געטון.

הערנדיג דאס, האט דער חסיד באשלאסן אויסצונוצן דעם לעצטן געלעגנהייט וואס ער האט, ווי דער שטייגער פון חסידים... און ער האט געזאגט אז זיין וואונטש איז אז ער וויל זען דעם הייליגן צדיק וועלכער געפינט זיך אין די שטאט רוזשין... ווען דער אפיציר האט געהערט דעם פארלאנג, איז ער דערציטערט געווארן, וויבאלד דאס טראגט מיט זיך זייער א שווערע און פארוויקלטע פלאן, ווייל די וואַך אויף די פאראורטיילטע צום טויט איז זייער שטרענג, און כמעט וואס עס איז נישט מעגליך זיי ארויסצונעמען פון זייער צימער, און אוודאי נישט אויף אזא ווייטע רייזע. דער אפיציר האט אבער נישט צוריקגעצויגן פון זיין צוזאג, און ער האט מסדר געווען דעם גאנצן קאמפליצירטן רייזע, צוזאמען מיט אלע פאליציאנטן און וואַך-לייט וואס מען האט געדארפט האבן דערצו, און ער האט מיטגענומען דעם איד מיט זיך קיין רוזשין.

אבער, צום שרעקליכן ענטוישונג פונעם חסיד, ווען זיי זענען דארט אנגעקומען, האבן זיי אויסגעפינען אז ממש מיט א קורצע צייט צוריק, האט זיך דער צדיק איינגעשפארט אין זיין צימער, און האט שטרענג אנגעזאגט דעם גבאי ביים טיר, אז ער זאל נישט עפענען דעם טיר פאר קיין שום מענטש, זאל עס זיין ווער עס זאל נאר זיין, ווייל אינעם היינטיגן טאג קען ער קיינעם נישט אויפנעמען, דעריבער זאל ער פארשיקן יעדן איינעם, און אלע זאלן קומען מארגן...

פאר אט דעם חסיד, איז דאס געווען א גזירה פון פיקוח נפש ממש! וויבאלד מען האט בשום אופן נישט געקענט ווארטן נאך א טאג, צוליב דעם וואס דער טויט-אורטייל איז באשטימט געווארן אויף צומארגנס. דעריבער האט דער איד אנגעהויבן וויינען און זיך בעטן ביי די גבאים מיט גרויס ביטערניש, אז זיי זאלן אים לאזן אריינגיין צום רבי'ן כאטש פאר א רגע, נאר צו זען דעם רבי'ן... די גבאים

המשך אין עמוד ד'

האבן אבער געטריי געפאלגט דעם רבי'נס באפעל, אז אויף קיין פאל זאל מען קיינעם נישט אריינלאזן! און דא שטייט דער הויפט פונעם ארעסט-הויז, און דרוקט אז מען דארף שוין צוריקגיין און אויספירן דעם שרעקליכן אורטייל, ווייל אויב מען וועט נישט אזוי טון, וועלן זיי אלע אריינגעווארפן ווערן אין ארעסט, פארן נישט אויספירן דעם אורטייל.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האט דער אפיציר גענומען דעם איד מיט געוואלד, וויינענדיג און קלאגנדיג, און האט אים אריינגעשטופט אינעם וואגן, און זיי האבן אנגעהויבן שנעל צוריקפארן צום ארט וואו דער משפט האט געדארפט פארקומען. דער חסיד איז געווען צובראכן אויף פיצלעך, פילנדיג ווי דער וועלט איז אים פינסטער, און ער האט געטראכט צו זיך: אויב אפילו דער רבי וויל מיר נישט זען, קיין שום כח אויף דער וועלט מיר נישט ראטעווען, נישט דא אונטן און נישט אויבן, נאר דער אויבערשטער אליין וואס ער איז דער כל יכול, און ער קען מיר העלפן, ווייל אפילו אויב א שארפע שווער ליגט איבערן האלז פון א מענטש, זאל ער זיך נישט צוריקהאלטן פון בעטן רחמים (ברכות דף י ע"א און זע פירוש רב ניסים גאון ז"ל ברכות דף נ"ה ע"ב). האט ער אנגעהויבן וויינען פארן אויבערשטן מיט ווארימע טרערן, במשך די גאנצע נאכט, און ער האט געבעטן אז דער אויבערשטער זאל אים לאזן לעבן.

אויפצומארגנס, ווען זיי זענען אנגעקומען צו די תליה, ווען דער שטריק איז שוין געווען ארומגעדרייט ארום זיין האלז, איז ממש אין דעם לעצטן רגע, שנעל אנגעקומען מיט א גרויסן געלויף, א שליח וואס דער שופט האט אים געשיקט, מיט א באפעל צו באפרייען דעם מענטש, וויבאלד פלוצלונג האט דער שולדיגער זיך מודה געווען אז אלעס איז געווען א שלעכטער בלבול, און ער האט אויפגעוויזן אז אלע עדים זענען פאלשע, און דער איד איז אומשולדיג!

ווען דער חסיד איז דערנאך געקומען מיט גרויס שמחה צו זיין הייליגן רבי'ן קיין רוזשין, האט דער צדיק אים געזאגט ווי פאלגנד: וויסן זאלסטו, אז ווען דו ביסט אהערגעקומען און דו האסט מיר געוואלט בעטן אז איך זאל דיר ראטעווען, האב איך אנגעקלאפט אויף אלע טויערן [אזוי ווי עס איז באוואוסט אז צדיקים זענען פון פאראויס יעדן טאג, וועלכע בקשות וועלן קומען צו זיי אין דעם טאג]. און איך האב געזען אז אלעס איז פארמאכט, און די גזירה איז שוין גע'חתמ'עט געווארן אין הימל, און איך האב געזען אז עס איז נישטא קיין שום עצה דערצו, נאר א מורא'דיגע תפילה מיט געוויין פארן כסא הכבוד, אז די גזירה זאל בטל ווערן. דעריבער האב איך געטון די עצה, אז איך האב געהייסן פארמאכן די טיר פאר דיר, כדי דו זאלסט זען אז אפילו דער רבי וויל דיך נישט זען, און אזוי וועט דיין הארץ צובראכן ווערן, און דו וועסט אמת'דיג בעטן פארן אויבערשטן פון די טיפענישן פון דיין הארץ, און ווירקליך האט דיין געוואלדיגע אויפגעטון, און די גזירה איז צוריסן געווארן!!

- אט די מעשה, האט דער קאפיטשניצער רבי דערציילט צו די חסידים אין ווין, און ער האט אויסגעפירט אז פון די מעשה לערנען מיר זיך, אז אויך ווען דער רבי געפינט זיך נישט דארט, דארף מען זיך מקשר זיין מיטן אויבערשטן אליין.

->•<-

זאל מען וויסן און פארשטיין, אז אלע ענינים און סגולות זענען מיטלען אז דער מענטש זאל זיך מקשר זיין מיטן אויבערשטן אליין, און אפילו די צדיקים און קדושים זענען א מיטל דורך וועלכע דער מענטש וועט זיך מקשר זיין מיטן אויבערשטן, און מען טאר חלילה נישט פארגעסן דעם אויבערשטן. נאר מען זאל מתפלל זיין און בעטן דעם אויבערשטן אויף יעדן זאך, אזוי ווי יעקב אבינו ע"ה אין זיין צייט, וואס ער האט זיך נישט פארלאזט אויף קיין שום זאך, נאר ער האט געבעטן דעם אויבערשטן און זיך מקשר געווען אין אים.






## על הברכה יעמדו


ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה | יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה | האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים | שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים | לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה. | לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה. | גרפצ'יק טל: 02-5002321 | קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il | גל-פן |

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173